**מאמר השקפה**

שבת שובה

שנת תשפ"ז לפ"ק

## מיר ווען אויסנוצן אלע כוחות ביי

# חמול עלינו ועל עוללינו וטפינו...

**מיר טרעטן אריין אינעם נייעם יאר מלא חיזוק, מלא תקוה, מלא אמונה ובטחון, אז מיר האבן גע'פועל'ט אלעם גוטס.**

מיר שטייען אין די עשרת ימי תשובה, עשרה ימים שבין ראש השנה ליום הכיפורים, וואס חכמינו ז"ל זאגן אז די צדיקים זענען שוין נכתבים ונחתמים לאלתר לחיים, אויך די רשעים איז שוין זייער גזר דין פארזיגלט אויף די אנדערע זייט.

ווידער די 'בינונים' זענען תלויים ועומדים.

אוי ווייי, ווער איז בגדר בינונים?!

לויט די גמרא סוף מס' ברכות, ווען מיר זעען ווער פון די הייליגע אמוראים שרפי מעלה האבן זיך פארערכנט אלס 'בינונים', ווערט קאלט אויפ'ן הארצן... רבה האט געזאגט '**כגון אנא בינוני**', און אביי האט גע'טענה'עט 'אם כן לא שביק מר חיי לכל בריה'. ומי יאמר זכיתי לבי.

**וואו איז יעצט מיין קינד?! ווייי געוואלד, עס איז שבת, עס איז יום טוב, עס איז ראש השנה! וואו געפונט זיך יעצט מיין קינד?! מיין בלוט אין פלייש וואס איך האב אויפגעצויגן, אריינגעלייגט אזויפיל כוחות אין זיין חינוך, מ'האט שוין אנגעהויבן צו שעפן אידיש נחת, וועלכע חי' רעה האט אריינגעשטעקט אין אים זיינע פארצוקענדע נעגל, און אים אוועקגעשלעפט פון מיר?!... הוי, רבונו של עולם...**

אבער די הייליגע טעג ראש השנה האט אונז אריינגעברענגט אין א שטארקע געהויבענע געפיל. מיר גלייבן אז מיר גייען אריין אין לעכטיגע פרייליכע יאר, דער השנ"ה מיט'ן ה"א הידועה.

ביי ברכת "**לשנה טובה**" בכניסת החג האט **כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א** אויסגערופן דעם רמז "חדו השתא ב-**הא"י שעת"א**", בגימ' תשפ"ז, עס קומט גרויסע שמחות און השפעות טובות.

ווידער ביים נעילת הח"ג מוצאי יו"ט, האט דער רבי שליט"א געפייערט מיט תקות הגאולה, מיר קוקן ארויס, מיר האפן, און מיר ערווארטן היי יאר די גאולה שלימה, אנגעבנדיג דעם רמז אז תשפ"ז איז בגימ' "**זמן חירותינו**".

מיר ווילן דאך אזוי שטארק אז עס זאל זיין גוט, מיר קוקן אזוי ארויס דערויף, מיר וויינען, בעטן און מיר זענען אזוי מתפלל דערויף. מיר גלייבן אז מיר האבן דאס גע'פועל'ט מיט די פייערדיגע תפילות פון כלל ישראל בכל מקומות מושבותיהם.

## חמול על עוללינו וטפינו

זאגנדיג דעם "**אבינו מלכינו**" ביים ענדע פון תפילת שחרית, אין אלגעמיין ווען עס קומט אן צו א בקשה וואס איז מער פערזענליך נוגע א גרויסן טייל פונעם ציבור, הערט זיך געווענליך א ביטערער וויי געשריי פון כל הקהל הקודש אויסשרייענדיג דעם "**אבינו מלכינו**" מיט א התעוררות און בקשת רחמים מעומק הלב.

מיר זענען ליידער געוואוינט צו הערן ביטערע קרעכצן און געוויינען יערליך בעת דער שליח ציבור שרייט אויס דעם "**שלח רפואה שלימה לחולי עמך**", אידן דערמאנען זיך פון אזויפיל גוטע פריינט, נאנטע קרובים, און בכלל חולי ישראל, וואס זענען ליידער מוטל על ערש דוי און זענען זקוקים לרחמי שמים מרובים.

מ'גיבט זיך א כאפ, ווייי געוואלד, אזויפיל אידן, אזויפיל יונגע און אלטע, אזויפיל טאטעס און מאמעס, עס כאפט א פחד צו קלערן פון דעם מצב, און ווער קען דען שטיין בלייבן גלייכגילטיג ווען מ'שטייט ביים יום הדין, און מ'קען בעטן פונעם טאטן אין הימל "**אבינו מלכינו שלח רפואה שלימה לחולי עמך**". שרייבנדיג די שורות זענען אין קרית יואל אליין דא עטליכע מאמעס פון יונגע קינדערלעך וואס ליגן על ערש דוי אין א גאר ביטערן מצב, **אוי טאטע! חמול! חוס ורחם!**

אידן זענען צוטרייסלט געווארן. ווען עס איז געקומען צום "**אבינו מלכינו חמול עלינו ועל עוללינו וטפינו**" האט זיך געהערט געוואלדיגע בכיות פונעם ציבור, עס האט אויסגעזען ווי דא שטעקט היינט צוטאגס די אנגעווייטאגטע פינטל, אפשר נאכמער ווי סיי וועלכע אנדערע פראבלעם וואס איז שייך.

אין מערערע גרעסערע בתי מדרשים, וואו עס האבן זיך אויפגעשטעלט די רבנים ומנהיגי הקהילות אינעם ערנסטן זמן פאר תקיעת שופר, און זיי האבן משמיע געווען דברי התעוררות פארן ציבור, ווען זיי האבן נאר בארירט די נקודה פון "**עוללינו וטפינו**", מען האט נאר דערמאנט דעם אנגעווייטאגטן פראבלעם פון '**צער גידול בנים**' וואס אידן מאכן היינט מיט, האט אויסגעבראכן בכיות נוראות אינעם

בית המדרש, אידן פון יעדן עלטער האבן נישט געקענט באהערשן זייערע געפילן, עס האט אויסגעזען ווי יעצט האט מען זיי ארויפגעטרעטן אויפ'ן אפענעם וואונד, און א שמערצליכער געוויין האט ארויסגעשריגן מעומק הלב.

עס שטעלט זיך ארויס דער מציאות, אז אויב איז ביז היינט דער **"מנע מגיפה מנחלתיך"**, און דער **"שלח רפואה שלימה לחולי עמך"**, געווען דער 'פראבלעם נומער איינס' וואס האט באריכט דעם ברייטן ציבור, איז ליידער געקומען דער **"עוללינו וטפינו"** פראבלעם, און האט דאס ליידער פיל איבערגעשטיגן.

## פון 'גידול בנים' ביז 'צער' גידול בנים

הרה"ח הישיש ר' מרדכי פריעדמאן ע"ה שו"ב האט דערציילט אז ער איז אמאל אריין אל הקודש פנימה צו **מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע** מיט א קוויטל, און פאר אים איז געשטאנען א יונגערמאן וואס האט געהאט אריינגעשריבן אינעם קוויטל א בקשה אז ער זאל באהיטן ווערן פון 'צער גידול בנים'.

**נעמט אייך אין די האנט אריין און הייבט אן צו גלייבן אז די רבנים און מחנכים ווייסן וואס זיי רעדן! די עסקנים וואס זענען עוסק דערין יומם ולילה מיינען קיינעם נישט צו רודפ'ן! זיי ווילן ראטעווען דעם עתיד פון כלל ישראל! זיי ווילן אז משיח זאל נאך האבן צו וועמען צו קומען! זיי ווילן אז איר זאלט האבן אייניקלעך וואס וועלן צינדן א לעכטל נאך אייער נשמה און קענען טון פאר אייך א זכות שפעטער!**

ווען דער רבי האט געליינט דאס קוויטל האט ער איהם געפרעגט איבער די בקשה, האט זיך דער איד אנגעהויבן אפצורעדן אז ער מאכט מיט צער גידול בנים פון זיין קליין קינד וואס וויינט אסאך ביינאכט און ער קען נישט שלאפן, און עס שטערט אים שטארק איבער'ן טאג ווייל ער איז נישט אויסגערוט געהעריג.

זאגט אים דער רבי **"דאס איז צער גידול בנים?! דאס איז 'גידול בנים'! פון צער גידול בנים זאל דער אויבערשטער דיך אפהיטן"...**

אוי, צער גידול בנים.

ווער עס ווייסט אביסעלע וואס עס טוט זיך היינט אפ אין אונזערע רייען ווייסט אז די געוויינען זענען נישט אומזיסט. עס איז ליידער דא וואס צו וויינען, און וויפיל מ'וועט וויינען וועט קיינמאל נישט זיין גענוג, אזא שרעקליכע צרה נוראה ואיומה פון 'צער גידול בנים', געדענקט זיך נישט אין די אלע יארן זינט מיר זענען אהערגעקומען קיין אמעריקע נאך די צווייטע וועלט מלחמה.

אין יעדע געגנט וואו עס וואוינען היימישע אידן זענען דא צובראכענעלטערן וואס שלאפן נישט קיין נעכט, און נאכט נאך נאכט באנעצן זיי דעם קושן מיט הייסע טרערן, זיי קלאגן אויף זייערע טייערסטע אוצרות, את עמלינו אלו הבנים.

עס איז א הימל געשריי דער מצב הנורא וואס עס טוט זיך היינט אפ אויף דער וועלט. עלטערן שרייען אז זיי טוען וואס זיי קענען, מ'פרובירט דאס מערסטע וואס עס איז שייך. אבער ליידער זענען זיי נישט בעל הבית, זיי קענען דאס נישט איבערקומען.

עס טוט זיך א יללה און א בכי', וירב בבת יהודה תאני' ואני', איבעראל באגעגנט מען די אידן. עס איז ח"ו אין א בחינה פון כמעט 'אין בית אשר אין שם מת', די מגיפה נוראה איז אנגעקומען איבעראל, עס האט אנגעטראפן אין די שענסטע שטיבער, און איבעראל געשאפן גרויסע לעכער.

עס דרייען זיך ארום אזויפיל טאטעס און מאמעס וואס זייערע קינדער שטייען זיי אויפ'ן מחשבה 24 שעה א טאג, זיי פרעגן זיך אליין, וואו איז יעצט מיין קינד?! ווײ געוואלד, עס איז שבת, עס איז יום טוב, עס איז ראש השנה! וואו געפינט זיך יעצט מיין קינד?!מיין בלוט אין פלייש וואס איך האב אויפגעצויגן, אריינגעלייגט אזויפיל כוחות אין זיין חינוך, מ'האט שוין אנגעהויבן צו שעפן אידיש נחת, ווועלכע חי' רעה האט אריינגעשטעקט אין אים זיינע פארצוקענדע נעגל, און אים אוועקגעשלעפט פון מיר?!... הוי, רבונו של עולם, ווי קען מען צוקוקן אזא צער פון אזויפיל ערליכע אידן.

## עת לבכות!

די שאלה איז נאר צי דאס וויינען איז נישט אביסעלע צו שפעט.

אוודאי איז נישט די צייט און נישט דער ציל קיינעם צו באשולדיגן, קיינער איז נישט אויסן צו טייטלען מיט די פינגער אויף דאס און יענע, אדער אויף דעם און יענעם, צו טרעפן ווער עס איז שולדיג אינעם שרעקליכן חורבן. אבער געווענליך ווען מ'טייטלט אויפן גרויסן בראך, און מ'באריערט די נקודת הגורם דערפון, קען מען עכ"פ צוהעלפן אז אנדערע זאלן נישט דורכפאלן.

מיר ווייסן אלע דעם אמת, יעדער פון אונז געדענקט אז די רבנים און די מחנכים האבן פון פאראויס געשריגן אז דאס גייט געשען. איינמאל מ'האט זיך דערזעהן מיט די פרישע נסיונות הדור, מיט'ן אינטערנעט, מיט די סעלפאונס, און מיט די אלע תועבות וואס מ'קען שטילערהייט אריינברענגען אין שטוב, די קליינע כלים וואס מ'קען האלטן אין טאש, האט מען געזען אז עס רוקט זיך אן די סכנה איומה, און שיטנא נצח, חס ושלום!

אין די 'אמאליגע' צייטן, מיט קוים 25 יאר צוריק, ווען צו זיין א 'שייגעץ' האט מען זיך געדארפט אנשטרענגען, מ'האט ערגעץ געדארפט גיין, מ'האט עפעס געדארפט באצאלן, מ'האט זיך געדארפט ארויסשטעלן בריש גלי, האט מען נאך געקענט טון וואס איז שייך דאס מונע צו זיין, פארפאלן דער 'מורא בשר ודם' האט זייער א שטארקן כח, ווי רבי יוחנן בן זכאי האט שוין געזאגט (ברכות כח:), און דאס האט זייער אסאך צוריק געהאלטן.

דאס איז נישט קיין נייע זאך, די גמרא אין מס' ברכות (דף כ"ח ע"ב) דערציילט אונז שוין אז ווען די תלמידים פון רבי יוחנן בן זכאי זענען אריינגעגאנגען אים מבקר חולה זיין לפני פטירתו, און זיי האבן געבעטן פון אים א ברכה לפני מותו, און זיי האבן געווארט צו הערן פון אים וואס עס זענען זיינע לעצטע ווערטער וואס ער האט זיי צו זאגן, האט ער זיי געבענטשט מיט די ווערטער **"יהי רצון שתהא מורא שמים עליכם כמורא בשר ודם"** די תלמידים האבן זיך געשעמט מיט די ברכה,

און זיי האבן איבערגעפרעגט "**רבי, עד כאן?**", האט ער זיי געענטפערט דעם ריינעם אמת, "**הלואי, תדעו כשאדם עובר עבירה אומר שלא יראני אדם**".

פארפאלן, דער מציאות איז אז 'מורא בשר ודם', דער פחד וואס וועט יענער זאגן, און וואס וועט ער האלטן אויף מיר דאס איז שטארקער פון אלעם.

איינמאל דער נייער נסיון הדור האט דאס געשעדיגט, מ'דארף נישט גיין אין קיינע אויסגעלאסענע טעאטערס, מ'דארף נישט פארשאפן ריזיגע סקרינס, ס'איז אוועקגענומען געווארן די בושה, מ'דארף גארנישט טון, ס'קאסט כמעט נישט, מ'דערלאנגט דיר עס גליך אין טאש, און דער ס"מ ווארט נאר אויף איין שוואכע מינוט, דאן נער'ט ער אריין אין זאק אריין, איז די מערכה א פארלוירענע.

די מאורי הדור די עיני העדה האבן געזען דעם מצב פון פאראויס, זיי האבן געטון וואס מ'האט געקענט, מ'האט געשריגן צום ציבור "ארויס מיט די קאמפיוטערס פון שטוב! נישט האבן קיין אינטערנעט לכה"פ אן קיין פילטער! נישט נוצן נאר העכסט אויסגעהאלטענע טעלעפאנען! האלטן די קינדער ווייט פון אלע כלים ווי פון פייער!". זיי האבן געוואוסט אז די געווענליכע עצה פון ארויסגיין אין א מלחמה קעגן דעם שונא איז שוין נישט שייך, ער האט שטארקערע געווער פון אונז, און מיר קענען אים נישט מנצח זיין.

די איינציגסטע עצה איז אז מיר זאלן אריינלויפן אין אונזערע פעסטונגען, מיר זאלן זיך איינשפארן אין אונזערע שטיבער, בויען מויערן ארום אונזערע הייזער, ולא ליתן אל המשחית לבא אל בתינו.

שווערע מערכות האט מען געפירט, גדולי ומאורי הדור האבן מקריב געווען טעג און נעכט, כוחות עצומות צו העלפן דעם ציבור איבערקומען די ביטערע שוועריגקייטן, און ב"ה דער מציאות כהיום הזה באווייזט אז יא, עס איז מעגליך צו זיין א ביזנעסמאן, עס איז מעגליך צו זיין סוקסעספול, עס איז אפילו מעגליך צו זיין א מיליאנער, אפילו ווען מ'האט נישט קיין שום פון די מסוכנ'דיגע כלים, והרבה עשו כן ועלתה בידם.

אסאך דורות זענען געראטעוועט געווארן דורכדעם, אסאך אידישע קינדער זענען ניצול געווארן, און דאס וואס אזויפיל טויזנטער טויזנטער אידישע קינדער, בחורי חמד, אברכים יקרים, האבן איבערגעפולט די בתי מדרשים אין די טעג, מיט די זעלבע כוונות, די זעלבע התעוררות, דער זעלבער ברען, דאס צייגט אז ביז משיח'ס טאג וועט בלייבן א כלל ישראל, און אידישקייט וועט קיינמאל נישט אונטערגיין, און יעדע נסיון וואס דער ס"מ וועט נאר ברענגען אויף אונז וועלן מיר נאך זיין שטארקער.

## מ'דארף וויינען באצייטנס

אבער, מיר מוזן אויך קוקן אויף די ליידיגע זייט פונעם גלאז, און דאס איז שוין זייער, זייער פיינפול.

ס'איז שווער צו זאגן וויפיל עס איז דער פראצענט וואס מיר פארלירן יעדער יאר נאך יאר, אבער אפילו מיר זאלן וועלן זיין אפטעמיסטיש, מיר זאלן דאס וועלן מינימיזירן, ווייסן מיר וואס רש"י זאגט 'ונפל ממנו רב', יעדער איינציגער איד וואס פאלט אוועק איז אסאך, אפילו איינס איז אסאך, און ליידער האלט דאס טאקע ביי 'אסאך אסאך'...

וויפיל מ'האט געטון און אויפגעטון איז אבער קיין 'בל יראה ובל ימצא' נישט געווען, און איבעראל איז געבליבן שולי קדירה וואס דרייען זיך ארום מיט די טומאה אין די הענט, און דאס איז גורם קרבנות ל"ע. און פלוצלינג ווי מ'קוקט זיך אום און ליידער דאס קינד האט זיך ערגעץ וואו אויסגעגליטשט פון אונטער די האנט.

מ'וויינט און מ'שרייט, אבער דער משל פון **הגה"ק רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל** איז אויך באקאנט, וואס ער האט געענטפערט פאר עלטערן וואס זענען געקומען צו אים מיט א ביטער געוויין אז זיי האבן פארלוירן א קינד ברוחניות, איבער די מענטשן וואס פלעגן פירן שווארצע סחורה אין א ארון ווי כאילו זיי טראגן א מת צו א לוי', אבער מיט דער צייט ווען זיי האבן זיך צוגעוואוינט דערצו פלעגן זיי מאכן 'פרייליכע לוויות', וואס האט געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון די וועכטער, און ווען מ'האט זיי געפאקט ביי די מעשה האבן זיי אנגעהויבן צו וויינען, האט דער פאליציי וועכטער געזאגט "**יא יא, ווען איר וואלט געוויינט אביסעלע פריער ביי די לוי', וואלט איר זיכער מער אויפגעטון ווי וויינען יעצט**".

**די מאורי הדור די עיני העדה האבן געזעהן דעם מצב פון פאראויס, זיי האבן געטון וואס מ'האט געקענט, מ'האט געשריגן צום ציבור "ארויס מיט די קאמפיוטערס פון שטוב! נישט האבן קיין אינטערנעט לכה"פ אן קיין פילטער! נישט נוצן נאר העכסט אויסגעהאלטענע טעלעפאנען! האלטן די קינדער ווייט פון אלע כלים ווי פון פייער!" זיי האבן געוואוסט אז די געווענליכע עצה פון ארויסגיין אין א מלחמה קעגן דעם שונא איז שוין נישט שייך, ער האט שטארקערע געווער פון אונז, און מיר קענען אים שוין נישט מנצח זיין.**

אודאי וויינט מען ווען מ'זעט די צרה פאר די אויגן, אבער די שאלה איז צי דער געוויין איז נישט אביסעלע צו שפעט??!

די שאלה איז: צי פאטשט כאטש 'יעצט' דער ביטערער מציאות אין פנים פון די וואס ווילן נאכנישט פארשטיין. עס זאל ביי זיי דערהערט ווערן דער "שלא תמות כדרך שמת פלוני", אזויפיל נשמות זענען שוין פארכאפט געווארן, אזויפיל בחורים'לעך, ילדי חן, תינוקות של בית רבן, זענען פארגליטשט געווארן.

נעמט אייך אין די האנט אריין און הייבט אן צו גלייבן אז די רבנים און מחנכים ווייסן וואס זיי רעדן! די עסקנים וואס זענען עוסק דערין יומם ולילה מיינען קיינעם נישט צו רודפ'ן! זיי שטייען פשוט אויפ'ן פראנט און זעען דעם בראך פאַר די אויגן! זיי ווילן ראטעווען דעם עתיד פון כלל ישראל! זיי ווילן אז משיח זאל נאך האבן צו וועמען צו קומען! זיי ווילן אז איר זאלט האבן אייניקלעך וואס וועלן צינדן א לעכטל נאך אייער נשמה און קענען טון פאר אייך א זכות שפעטער!

טייערע אידן מיר בעטן אייך! חמול עלינו ועל עוללינו וטפינו!

עס גייט יום הקדוש, וואס שלאפסטו?! וואס איז די רואיגקייט וואס באנעמט יעדן?! קום קרא אל אלקיך, שטיי אויף, רוף צום אויבערשטן, וויין צו איהם, בעט צו אים, זיי מעורר רחמי שמים על עוללינו וטפינו, ובעיקר, טו ביי דיר אינדערהיים וואס דו דארפסט צו טוהן, מאך בדק הבית, זיי מקיים מצות ביעור חמץ אויך אין די ימי הרחמים והסליחות, און דאן וועסטו מיט רעכט קענען בעטן 'עשה למענך אם לא למענינו'.

## מ'מעג קומען צו אן אפעראציע

דער ווייטאג איז אבער אזוי גרויס, אז עס זענען דא אזעלכע וואס ווילן נישט זען און הערן דעם מציאות, אדרבא, ווען זיי שפירן אז די רבנים און מחנכים ווילן זיי פרובירן צו העלפן, פרובירן צו ראטעווען זייערע קינדער, דעמאלטס ווערן זיי ווילד, און אנשטאט צו מכיר טובה זיין פאר די הילף, אנשטאט איינזען אז מיט דעם ווערן זיי און זייערע קינדער אפגעראטעוועט, שרייען זיי אז מען 'מישט זיך אריין' אין זייערע פערזענליכע ענינים.

עס ווערט דערציילט א מעשה: אין די צייטן פונעם **חפץ חיים** זצ"ל איז געווען עומד על הפרק דאס ענין פון איינפירן לימודי חול אין די תלמודי תורה און ישיבות, וואס די וואס זענען געווען אנגעשטעקט מיט'ן השכלה גייסט האבן געוואלט איינפירן. און זיי האבן געזוכט צו באאיינפלוסן די מנהלים פון די תלמודי תורה און ראשי ישיבה אז זיי זאלן איינגיין אויף געוויסע פשרות, און לאזן א פתח פתוח צו קענען אריינדרינגען מיט זייערע פינסטערע פלענער למחצה לשליש ולרביע אין די מוסדות התורה.

וויסנדיג אז דער **חפץ חיים** וועט זיי זיין א גרויסער שטער וואס ער וועט בשום אופן נישט איינגיין אויף קיין שום הסכמים און פשרות אין דעם הינזיכט, און אז ווי נאר ער וועט הערן במה דברים אמורים וועט ער ניטאמאל וועלן אריינגיין אין וויכוחים, ער וועט אפ'פסק'ענען לאיסור. דעריבער איז געווען אפגעמאכט אז מען וועט די אסיפה מאכן באהאלטענערהייט, און מ'וועט אכטונג געבן אז ער זאל דערפון נישט וויסן.

אזא געלעגנהייט איז זיי אונטערגעקומען גאנץ שנעל, ווען דער חפץ חיים איז געפארן אין איינע פון די נאנטע שטעט. הערנדיג אז דער חפץ חיים איז נישט אין שטאט האט מען צונויפגערופן די אסיפה, און דארט זענען אנגעגאנגען דעבאטעס און וויכוחים, ווי אזוי מ'זאל דאס לערנען, וויפיל פראצענט פונעם טאג, און נאך אזעלכע ספיקות זענען דארט אויסגעלופטערט געווארן.

למעשה, איז דער חפץ חיים יא געוואויר געווארן פון די אסיפה. אין דער בליץ איילעניש האט ער זיך ארויפגעזעצט אויף א וואגן און געקומען צו פארן אויפ'ן ארט וואו די אסיפה איז אפגעהאלטן געווארן. אן קיין שום פריערדיגע מעלדונג האט ער אריינגעשטורעמט אינעם צימער, וואו די אסיפה האט געהאלטן אין איינע פון אירע היציגע פאזעס.

די אנוועזענדע האבן פלוצלינג באמערקט דעם חפץ חיים אריינקומען און זיך אוועקזעצן אויף א ליידיג בענקל. עס האט זיי באנומען א שרעק, און זיי האבן נישט געוואוסט וואס צו זאגן און ווי אזוי צו רעאגירן. איינער פון די האט זיך געטרויעט און א פרעג געטון דעם חפץ חיים "פארוואס איז דער רבי געקומען צו די אסיפה?". מיינענדיג אפן מרמז צו זיין אז ער איז דא אן אומגערופענער גאסט.

"איך האב געהערט אז מען גייט אפערירן מיין שוועסטער... האב איך געקלערט אז ווען מען אפערירט מיין שוועסטער וויל איך אנוועזענד זיין אין שפיטאל!", האט דער חפץ חיים ערקלערט.

די ארומיגע האבן נישט פארשטאנען דעם מיין פון זיינע ווערטער.

"אמור לחכמה אחותי את!"

האט דאן דעם חפץ חיים'ס שטימע אפגעדונערט "**די תורה הקדושה איז מיין שוועסטער! איך האב געהערט אז איר זענט דא צונויפגעקומען שניידן שטיקער פון די תורה הקדושה! אז מען שניידט מיין שוועסטער וויל איך דא זיין!**". ע"כ המעשה.

דאס זענען דברים כדרבונות.

ביי אן אפעראציע מעג א ברודער אויך זיין אנוועזנד!

יונגע קינדער, עוללים ויונקים, בחורים וואס דארפן אנהייבן זייערע ערשטע טריט אין לעבן. זיי זענען אנגעוויזן אויף אזויפיל חיזוק, אויף אזויפיל הדרכה, אויף אזויפיל שמירה, זיי ווערן אפערירט מיט אכזריות נאך איידער זיי באגרייפן בכלל וואו זיי זענען אויף די וועלט.

עס איז נישטא קיין טענה 'ווער האט דיך גערופן?' כל זמן עס איז א ברודער, כל זמן עס איז אן אפעראציע.

**טייערע ברידער!** מיר גייען זיך נאכאמאל צונויפקומען אין די בתי מדרשים יום הקדוש, לאמיר נישט לאזן די נושא אין די לופטן, מיר גייען נאכאמאל וויינען און שרייען "**חמול עלינו ועל עוללינו וטפינו**" לאמיר טון וואס מיר קענען ארויסצוהעלפן צו דעם חורבן, יעדער איינער דארט וואו ער איז ביכולת צו טון.

אולי יחוס עם עני ואביון אולי ירחם.

**ביי אן אפעראציע מעג א ברודער אויך זיין אנוועזנד!**

**יונגע קינדער, עוללים ויונקים, בחורים וואס דארפן אנהייבן זייערע ערשטע טריט אין לעבן. זיי זענען אנגעוויזן אויף אזויפיל חיזוק, אויף אזויפיל הדרכה, אויף אזויפיל שמירה, זיי ווערן אפערירט מיט אכזריות נאך איידער זיי באגרייפן בכלל וואו זיי זענען אויף די וועלט.**

**עס איז נישטא קיין טענה 'ווער האט דיך גערופן?' כל זמן עס איז א ברודער, כל זמן עס איז אן אפעראציע.**